**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/18/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שרייבט אונטער געזעץ צו פארזיכערן זיכערע שולעס**

***געזעץ S.2629A/A.286A פאדערט אלע שולע דיסטריקטן באטראכטן אויסשטעלן מאסנאמען אין פאסיליטעטן צו פלאנירן זיכערע, באשיצטע, און געזונטע שולע אומגעגנטער***

גאווערנער קעטי האקול האט אונטערגעשריבן די "זיכערע שולעס דורך אויסשטעל געזעץ" וואס וועט פאדערן אז אלע שולע דיסטריקטנס' פינף-יאר קאפיטאל פאסיליטעטן פלאן זאלן נעמען אין באטראכט איינצופירן אויסשטעל מאסנאמען וואס וועט צושטעלן א זיכערע, באשיצטע, און געזונטע שולע אומגעגנט. די געזעץ פארברייטערט אויך בארעכטיגטע אויסגאבן פאר פארברייטערטע טאג און שולע געוואלדטאט פארמיידונג געלטער אריינצונעמען פראגראמען וועלכע פירן אן און שטארקן קאמיוניטי מיטארבעט אין שולע פאסיליטעט פלאנירונג.

"א זיכערע שולע אומגעגנט איז א וויכטיגע טייל צו קענען צושטעלן די בעסטע עדיוקעישאן פאר אונזערע סטודענטן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די געזעץ שטרייכט אונטער אונזער פארפליכטונג צו אונזערע סטודענטן און לערערס דורך פארזיכערן אז געזונטהייט און זיכערהייט ווערן באטראכט ביים אנהויב פון אלע שולע בוי-ארבעט פראיעקטן."

די יעצטיגע געזעץ פאדערט אז פינף-יאר קאפיטאל פאסיליטעטן פלענער זאלן ווערן אנטוויקלט דורך יעדע שולע דיסטריקט אריינצונעמען א געביידע אינווענטארי, אפגעשאצטע אויסגאבן פאר געביידע בוי-ארבעט, פאררעכטונגען, אדער איבערבויען, און אפגעשאצטע אויסגאבן פאר געביידע אנהאלט ארבעט און ענערגיע באנוץ.

געזעץ S.2629A/A.286A טוישט די עדיוקעישאן געזעץ דורך פאדערן אז שולע דיסטריקטן זאלן נעמען אין באטראכט דאס איינפירונג פון אויסשטעל מאסנאמען און פלענער, אין איינקלאנג צו אנווייזונגען ארויסגעגעבן דורך די קאמישאנער פון עדיוקעישאן, אין זייער פינף-יאר קאפיטאל פלאן אלץ טייל פון א אינהאלטסרייכע צוגאנג צו צושטעלן א געזונטע, באשיצטע, און זיכערע שולע אומגעגנט. אין צוגאב, נעמט די געזעץ אויך אריין פראגראמען וועלכע פירן אן און שטארקן קאמיוניטי מיטארבעט אין שולע פאסיליטעט פלאנירונג צו זיין בארעכטיגטע אויסגאבן פאר פארברייטערטע טאג און שולע געוואלדטאט פארמיידונג געלטער.

**סטעיט סענאטאר רעיטשעל מעי האט געזאגט,** "ניו יארקער שולעס מוזן צושטעלן א זיכערע, באשיצטע אומגעגנט פאר סטודענטן און איינגעשטעלטע. מיר ווייסן אויך אז סטודענטן בליען אין גוט-אויסגעשטעלטע אומגעגנטער וואס מוטיגן זיי צו אנטדעקן און לערנען ווי איידער זיך שפירן איינגעשפארט. קלוגע אויסשטעל מאסנאמען קענען עררייכן ביידע צילן, פארזיכערנדיג אז סטודענטן זענען אין א זיכערע, באקוועמע, און נארהאפטיגע אומגעגנט. די 'זיכערע שולעס דורך אויסשטעל געזעץ' אדרעסירט אלע די פונקטן דורך פאדערן פון שולע דיסטריקטן צו נעמען אין באטראכט פארגעשריטענע

זיכערהייט און שיצונג מאסנאמען ווען זיי פלאנירן דאס אויסשטעל פון די שולע. א דאנק פאר אסעמבלימיטגלידערין פאולין פאר איר פעסטע מיטארבעט אויף די ביל און פאר גאווערנער האקול פאר'ן עס אונטערשרייבן אלץ געזעץ."

**אסעמבלימיטגלידערין אמי פאולין האט געזאגט,** "עס זענען דא וועגן צו מאכן פארזיכערטע שולע פאסיליטעטן פאר קינדער אן לייגן אייזענע שטעקענעס אויף פענסטערס און מעטאל דעטעקטארס ביי טירן. די 'זיכערע שולעס דורך אויסשטעל געזעץ' נעמט אן אנדערע צוגאנג צו זיכערהייט דורך לייגן געוויכט אויף די אויסשטעל פון א געביידע, וואס דאס האט לאנג-דויערנדע און פאזיטיווע אפעקטן אויף שולע זיכערהייט. איך באדאנק גאווערנער האקול פאר'ן נעמען די שריט וואס העלפט שולע דיסטריקטן מאכן קלוגע אויסשטעל באשלוסן צו ערמעגליכן סיי זיכערע ווי אויך באקוועמע לערנען אומגעגנטער."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן